# איבער Doxy PEP

**וואס איז doxy PEP?**
Doxy PEP מיינט נעמען די אנטיביאטיק דאקסיציקלאן (doxycycline) נאך געשלעכט צו פארמיידן דאס באקומען געוויסע געשלעכטליכע איבערגעגעבענע אנטצינדונגען (STI'ס). עס איז ווי א נעקסטע-צופרי פיל נאר פאר STI'ס. נעמען doxy PEP נידערט אייערע שאנסן פון באקומען סיפיליס, גענאריע און קלימידיע מיט בערך צוויי דריטל.

**ווען זאל איך נעמען doxy PEP?**
doxy PEP ארבעט דאס בעסטע ווען גענומען ביז 24 שעה נאכן האבן געשלעכט אן א קאנדאם. נעם צוויי 100 מיליגראם (mg) פילן פון דאקסיציקלאן ביז 24 שעה (אדער נישט שפעטער ווי 72 שעה) נאך געשלעכט אן א קאנדאם. געשלעכט אן א קאנדאם מיינט מינדליכע, אנאל, אדער ווערזשינעל געשלעכט ווען א קאנדאם ווערט נישט גענוצט די גאנצע צייט.

**וואס איז אויב איך האב געשלעכט נאכאמאל ביז 24 שעה נאכן נעמען doxy PEP?**
אויב האט איר געשלעכט נאכאמאל ביז 24 שעה נאכן נעמען דאקסיציקלאן, נעמט נאך א דאזע (צוויי 100 מיליגראם פילן) 24 שעה נאך אייער לעצטע דאזע. נעמט דאקסיציקלאן אזוי אפט ווי יעדן טאג ווען איר האט געשלעכט אן א קאנדאם אבער נעמט נישט מער ווי 200 מיליגראם (צוויי 100 מיליגראם פילן) אין א 24-שעה צייט אפשניט.

**ווען זאל איך נעמען doxy PEP?**
- נעמט דאקסיציקלאן מיט **אסאך** וואסער אדער אנדערע געטראנק אז די דאקסיציקלאן זאל זיין גרינגער אראפצושלינגען. אויב אייער מאגן ווערט שלעכט פון די דאקסיציקלאן, קען עס נעמען מיט עסן העלפן.
- ווען איר נעמט דאקסיציקלאן, קענען טייל מענטשן ווערן מער עמפינדליך צו די זוהן, איז נוצט סאנסקרין צו פארדעקן פארעפנטליכע הויט ווען אינדרויסן.
- פארמיידט דאס נעמען אנטאסידס, מולטיוויטאמינען און סופלעמענטען וואס ענטהאלטן קאלציום, מאגנעזיום אדער אייזן צוויי שעה פאר אדער נאכן נעמען דאקסיציקלאן ווייל עס קען אפהאלטן דעם קערפער פון איינזאפן די אנטיביאטיק.

**וואס לערנען מיר זיך נאך איבער doxy PEP?**
דאקסיציקלאן איז געווארן זיכערערהייט גענוצט פאר פילע יארן צו באקעמפן אנדערע אינפעקציעס, אריינגערעכנט אקני. פונדעסטוועגן, איז doxy PEP א נייע וועג פון נוצן די אנטיביאטיק, דעריבער ווייסן מיר נישט איבער מעגליכע לאנג-טערמיניגע אפעקטן.

מיר ווייסן נאכנישט אויב נעמען doxy PEP וועט באווירקן די נארמאלע אדער "גוט" באקטעריע אין די קישקעס און די וואס קענען ווערן געפונען אויף די הויט. מיר ווייסן אויך נישט אויב אנדערע באקטעריע וואס פאראורזאכט STIס אדער אנדערע אינפעקציעס וועט ווערן צוגעוואוינט, מאכנדיג דאס שווערער צו באהאנדלען.

**דערמאנונגען**

- טוט ווייטער זיך טעסטן פאר STI'ס יעדע דריי חדשים און ווען איר האט סימפטאמען.
- doxy PEP טוט נישט באשיצן קעגן mpox (פריער באוויסט אלס מאנקיפאקס), יומען פאפילאמאווייררוס (HPV), הערפיס, HIV אדער אנדער ווייערעל אינפעקציעס.
- ביטע טיילט נישט מיט דאקסיציקלאן מיט אנדערע.

פאר אפ-טו-דעיט אינפארמאציע וועגן NYC סעקשועל העלט קליניק סערוויסעס, ארט און שעות, באזוכט nyc.gov/health/sexualhealthclinics אדער רופט **311**. צו מאכן אן עקספרעס קליניק אפוינטמענט פאר STI שנעלע טעסטינג, באזוכט bit.ly/sti-scheduling.

פאר טעלעמעדיצין סערוויסעס פארבינדן מיט HIV, STI, שוואנגערשאפט פארמיידונג, און מעדיצין אבארשן, רופט די NYC סעקזשועל העלט קליניק האטליין אויף 347-396-7959, מאנטאג ביז פרייטאג, 9 .a.m ביז 3:30 .p.m.

 אדאפטירט מיט רשות פון די סאן פראנציסקא דעפארטמענט פון פאבליק געזונטהייט.